# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרְן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע

קִינְדֶער יֶעצְט זֶענְט עֶטְץ דִי קִינְדֶער, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר זַיין דִי עֶלְטֶערְן. וִויל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיר וֶועט זִיךְ לֶערְנֶען דֶערְפוּן אַז וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערְן - אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ פִירְן מִיט עֶנְק.

עֶס אִיז גֶעוֶועןן אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר וָואס הָאט גֶעהַאט אַן אַלְטְן טַאטְן אַן אָרֶעמַאן, דֶער גְבִיר הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיין טַאטֶע, עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט שְׁלָאפְן אִין גַאס מִיט אַנְדֶערֶע אָרֶעמֶעלַייט.

וַיְהִי הַיּוֹם, עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן וִוינְטֶער, זֵייעֶר אַ קַאלְטֶע טָאג, וֶוען דֶער אַלְטֶער טַאטֶע אִיז גֶעזִיצְן אִין גַאס פְרִירְנְדִיג פַאר קֶעלְט, אִיז דָארְט אַרִיבֶּער זַיין אֵיינִיקְל - אַ זוּן פוּן דֶעם גְבִיר, הָאט דֶער זֵיידֶע גֶעבֶּעטְן זַיין אֵיינִיקְל: "אִיךְ בֶּעט דִיר, גֵיי בֶּעט דַיין טַאטֶע זָאל אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן מִיר שִׁיקְן אַ וַוארֶעמֶע מַלְבּוּשׁ אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר קֶעלְט דָא אִין גַאס". דֶער אֵיינִיקְל אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אוּן גֶעבֶּעטְן: "טַאטֶע, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיידִי; זֵיידִי בֶּעט אַ וַוארֶעמֶע קְלֵייד", הָאט דֶער גְבִיר גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "גֵיי אַרוֹיף אוֹיבְן אִין בּוֹידֶעם, דָארְט הָאבּ אִיךְ אַן אַלְטֶע קְלֵייד וָואס אִיךְ דַארְף סֵיי וִוי נִישְׁט, דָאס קֶענְסְטוּ טְרָאגְן פַארְן זֵיידְן".

דֶער זוּן אִיז אַרוֹיף אִין בּוֹידֶעם אוּן גֶעטְרָאפְן אַן אַלְטֶע קְלֵייד, פוּל מִיט רִיסְן אוּן גְרוֹיסֶע לֶעכֶער, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ שֶערְל, אַיינְגֶעקְנֵייטְשְט דֶעם קְלֵייד אוּן דָאס צֶעשְנִיטְן אִין הַאלְבּ. וֶוען זַיין טַאטֶע - דֶער גְבִיר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער זוּן קוּמְט נָאכְנִישְט אַרָאפּ, הָאט עֶר אַרוֹיפְגֶעשְרִיגְן צוּם בּוֹידֶעם: "וָואס טוּסְטוּ אַזוֹי לַאנְג אִין בּוֹידֶעם? גֵיי שוֹין מִיט דֶעם קְלֵייד צוּ מַיין טַאטֶע!" דֶער זוּן הָאט זִיךְ אָבֶער וַוייטֶער פַארְזוֹימְט, עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט שְנַיידְן דֶעם קְלֵייד אוֹיף צְוֵויי שְטִיקְלֶעךְ אוּן אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ זַיין טַאטֶע מִיט אֵיין שְטִיקְל קְלֵייד, הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס הָאסְטוּ צֶעשְנִיטְן דֶעם קְלֵייד אוֹיף צְוֵויי שְטִיקְלֶעךְ?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין טַאטֶע: "אֵיין שְטִיקְל לֵייג אִיךְ אַוֶועק פַאר דִיר, וֶוען דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן אַלְטֶער מֶענְטְש וֶועל אִיךְ דִיךְ אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן שְטוּבּ, אוּן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען וִוינְטֶער אוּן דוּ וֶועסְט זַיין קַאלְט - וֶועל אִיךְ דִיר שִיקְן דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם קְלֵייד".

הָאט דֶער טַאטֶע זִיךְ גֶעכַאפְּט בַּיים קָאפּ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט אַהֵיים גֶערוּפְן זַיין אַלְטְן טַאטְן, עֶר הָאט אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין שְטוּבּ אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן.



טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן וֶוען מִיר וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער אוּנְז בַּאצָאלְן מִיט נַחַת, מִיר וֶועלְן אוֹיךְ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְז.

לָאמִיר זִינְגֶען: "שְכּחַ אֵייבֶּערְשְטֶער אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא גוּטֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע".

**נלקח מתוך הספר "עצתו אמונה"**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִיבָה שְלִיטָ"א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א"י: 07970-400-66
ארה"ב: 212-444-9191, 1-5-2-1